**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נאמינירט סטיווען ג. דזשעימס צו דינען אלס סופּעראינטענדענט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי**

***צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס האט געדינט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי פאר 32 יאר, אריינרעכענענדיג צוואנציג יאר אין פירערשאפט***

***גאווערנער האקול האט פארמערט פינאנצירונג פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי מיט 22% זינט זי איז אריין אין אפיס און זי האט אויסגעברייטערט זייער ראלע ביים באקעמפן פארברעכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט איר נאמינאציע פון סטיווען ג. דזשעימס צו דינען אלס סופּעראינטענדענט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי. צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס וועט פירן די ניו יארק סטעיט פאליציי אויף א צייטווייליגע ראלע אזוי ווי ערווארט באשטעטיגונג פון די סענאט.

"די מענער און פרויען פון די ניו יארק סטעיט פאליציי טוהען העלדישע ארבעט צו האלטן ניו יארקער זיכער, און סטיווען ג. דזשעימס וועט זיין א סופּעראינטענדענט וועלכער וועט פירן די קרעפטן אריין אין דעם קומענדיגן דור", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זינט איך בין אריין אין אפיס האב איך געלייגט פריאריטעט צו באקעמפן פארברעכן און אינוועסטירן אין געזעץ אינפארסירונג, און איך קוק ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס צו האלטן די מענטשן פון ניו יארק זיכער."

**צייטווייליגער סופּעראינטענדענט סטיווען ג. דזשעימס האט געזאגט,** "די געלעגנהייט קומט אמאל אין לעבן, אויב מען איז מזל'דיג. גאווערנער האקול'ס נאמינאציע איז מיין גרעסטע דערגרייכונג, און איך ווייס פונקטליך ווי מזל'דיג איך בין צו האבן געגעבן געווארן די טשאנס צו דינען. איך קוק ארויס צו ווייטער אריינברענגען די סטעיט פאליציי אין די ארענע פון פארגעשריטענע פאליציי ארבעט און צו דינען אלס א מוסטערהאפטיגע אגענטור."

צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס האט געדינט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי פאר 32 יאר, אריינרעכענענדיג מער פון צוואנציג יאר אין א פירערשאפט ראלע. לעצטנס האט ער געדינט אלס דעפּיוטי סופּעראינטענדענט פאר ארבעטער באציאונגען און ער האט אויך געדינט אלס אסיסטענט דעפּיוטי סופּעראינטענדענט, סטעף אינספעקטאר, מעידזשאר, קעפטעין, ליוטענאנט, סיניאר פארשער, סארדזשענט, פארשער און טרופּער. ערהאט א B.S. דעגרי אין פסיכאלאגיע פון SUNY אלבאני און א מעסטער'ס דעגרי אין פובליק אדמיניסטראציע פון Marist קאלעדזש.

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול אויסגעברייטערט די ראלע פון די ניו יארק סטעיט פאליציי און זי האט געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין פובליק זיכערהייט. אין לויף פון די פארגאנגענע צוויי יאר, האבן די באמיאונגען אריינגערעכנט:

- אוועקשטעלן א נייע 'גאן צושטערונג אײנהייט' (gun interdiction unit) און עפענען די נייע מולטי-סטעיט און אינטרא-סטעיט גאן האנדל אײנהייטן.
- אויסברייטערן די סטעיט'ס ראלע ביים באקעמפן סייבער פארברעכן דורכן אויסברייטערן אונזער סאָושעל מידיע אײנהייט.
- 7.4 מיליאן דאלער צו ערלויבן סטעיט פאליציי צו בלייבן פארגעשריטן מיט טעכנאלאגיע אין קרימינאלע אינוועסטירונגען, ארייננגערעכנט דיגיטאלע פארענסיק סערוויסעס און אויספארשן סייבער-פארברעכנס; צושטעלן קריטישע שטיצע פאר די אינטערנעט פארברעכנס אנטקעגן קינדער (Internet Crimes Against Children, ICAC) אײנהייט צו פארזיכערן אז פארברעכנס קעגן קינדער ווערן פולשטענדיג אויסגעפארשט.
- 25.9 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן און אויסברייטערן די סטעיט פאליציי קאמיוניטי סטאביליזאציע אײנהייטן (Community Stabilization Unit, CSU) צו שטיצן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג.
- אין נאוועמבער האט גאווערנער האקול צוגעלייגט נאך פינף מענטשן וואס זענען באאויפטראגטעט צו ארבעטן אויף סאָושעל מידיע און 10 נייע מענטשן באאויפטראגט צו ארבעטן מיט די JTTF אפיס פון קאנטער-טערארר צו אדרעסירן די אויפשטייג אין האסע פארברעכנס.
- 100 מיליאן דאלאר צו איינקויפן און רענאווירן א נייע דרויסנדיגע פארברעכן לאבארעטאריע פאר די סטעיט פאליציי. דער נייער פאסיליטי וועט עלימינירן איבערגעלאדנטקיט ביי די פארענסיק אינוועסטיגעישאן צענטער און צושטעלן פלאץ פאר אנטי-ביקס פארברעכן אינציאטיוון. די סטעיט פאליציי האט יעצט דריי דרויסנדיגע פארברעכן לאבאראטאריעס אין די אלבאני געגנט.
- 66.7 מיליאן דאלאר צו העכערן די צאל פון סטעיט פאליציי אקאדעמיע קלאסן, צו משלים זיין פאר אקאדעמיע קלאסן וואס זענען אפגעשטופט געווארן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע און אזוי אויך צו העכערן די צאל טרופּערס וואס זענען באשטימט צו אדרעסירן ערנסטע פארברעכן.

די היי-יאריגע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 זעצט פאר די באמיאונגען און רעכנט אריין צווי אינציאטיוון פאר די סטעיט פאליציי צו באקעמפן ריטעיל געשעפט גניבות:

- אנגעפירט דורך די סטעיט פאליציי — ארויסקומען מיט די 'ריטעיל געשעפט גניבה געמיינזאמע אפעראציע' צו קאארדינירן די אפרופונג פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן און פראקורירער דורך אונזער נעטווארק פון פארברעכן אנאליז צענטערן, נאכגעמאכט נאך די מוסטער פון די ערפאלגרייכע סטעיט-אינעוויינינגע אײנהייט אויף גאן האנדל, נאר קאנצענטרירט אויף צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבה פארברעכנס;
- מאבילידזירן א ספעציעלע סטעיט פאליציי מאנשאפט צו צוזאמשטעלן א קעיס קעגן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבה רינגען;
- אוועקשטעלן א ניו יארק סטעיט פאליציי 'בליץ גניבות' אינפארסירונג אײנהייט ( Smash and Grab Enforcement Unit).

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי בריי, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט דאס קלאר געמאכט אז איר הויפט פריאריטעט איז צו האלטן ניו יארקער זיכער, און זי האט דאס נאכאמאל ארויסגעוויזן מיט די נאמינאציע פון דעם קומענדיגן סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט. מיט די סארטן דראאונגען פאר ניו יארק זיך אנטוויקלנדיג יעדעס יאר, איז אונזער שותפות מיט די סטעיט פאליציי קיינמאל נישט געווען מער קריטיש. איך באדאנק

גאווערנער האקול פארן אויסוועהלן אן אויפגעוויזענער פירער ווי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס, און איך קוק ארויס צו ארבעטן בשותפות מיט אים אזוי ווי מיר ארבעטן צו באשיצן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון טורמע און קאמיוניטי אויפזיכט ( Department of Corrections and Community Supervision, DOCCS) צייטווייליגע קאמישאנער, דעניעל פ. מאַרטוּסעלאָו דער דריטער, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט DOCCS האט א לאנגיאריגע און פרוכטבארע היסטאריע פון ארבעטן מיט די סטעיט פאליציי. מיר גראטולירן און קוקן ארויס צו די אנגייענדע צוזאמענארבעט אונטער צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס'ס פירערשאפט, צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. איך וויל אויך באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע קאנצענטראציע אויף די אגענטורן וואס זענען באאויפטראגט מיטן היטן אויף די סטעיט'ס פובליק זיכערהייט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "פאר מער פון פופציג יאר איז די DCJS געווען א פעלזן-פעסטע שותף פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי און פאר אונזערע לאקאלע פאליציי אגענטורן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט צייטווייליגער סופּעראינטענדענט דזשעימס אזוי ווי ער זעצט פאר די טרופּערס'ס רעפוטאציע פון אויסגעצייכנטקייט און פראפעסיאנאלקייט ביים באשיצן ניו יארקער אריבער אונזער געוואלדיגע סטעיט. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אומפארגלייכליכע פירערשאפט אויף פובליק זיכערהייט און קרימינאלע יוסטיץ און פאר איר פעלזן-פעסטע שטיצע פאר אונזערע אגענטורן."

**ניו יארק סטעיט פאליציי פארשער אסאָסיעישן פרעזידענט, טים דיימאנד, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די ניו יארק סטעיט פאליציי פארשער אסאָסיעישן, לויב איך אויס גאווערנער האקול'ס באשטימונג פון קאלאנעל סטיווען דזשעימס אלס סופּעראינטענדענט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי. אלס א טרופּער וואס האט געדינט פאר מער פון 30 יאר, איז זיין רעפוטאציע מוסטערהאפטיג, און אונזערע מיטגלידער וועלן זיין שטאלץ צו דינען אונטער זיין פירערשאפט. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט סופּעראינטענדענט דזשעימס צו פארזעצן צו פארשטערקערן, פאראייניגן און שטיצן די BCI און אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען צו האלטן ניו יארקער זיכער."

**ניו יארק סטעיט גאַרדיענס אסאָסיעישן פרעזידענט, מארקוס א. וואלטאַוער, האט געזאגט,** "סטיווען דזשעימס איז אן אויפגעוויזענער געזעץ אינפארסירונג באאמטער וועלכער האט זיך ארויפגעדראפעט ארויף די לייטער פון די ניו יארק סטעיט פאליציי. זיין געטרייע דינסט פאר די מענטשן פון ניו יארק סטעיט איז געווען מוסטערהאפטיג. ער איז מייסטערהאפטיגער פראפעסיאנאל וועמען'ס קלוגשאפט און שטארקע פירערשאפט איז גענוי וואס די אגענטור דארף אין די יעצטיגע צייט. די גאַרדיענס אסאָסיעישן שטימט צו מיטן פולן הארץ מיט גאווערנער האקול'ס אויסוואהל פון סטיווען דזשעימס אלס דער קומענדיגער סופּעראינטענדענט פון די סטעיט פאליציי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן